הפר לה בעלה : הרי זו סופגת את הארבעים . על שעברה קודם הפרה . תספוג מכת מרדות . מדברי סופרים ומכות מרדות האמורה בכל מקום כפי מראה עיני הדיין וכפי צורך השעה ודוקא בעבירה שכבר נעשתה אבל גבי מצות עשה כגון עשה סוכה ואינו עושה . טול לולב ואינו נוטל מכין אותו עד שיעשה. או עד שתצא נפשו: ד ואם שלה · כגון שנתן לה אחר במתנה על מנת שאין לבעלה

---

דָם ווייבּס נֶדֶר אוֹךְ נִיט שְׁטֶערְן: ב (הֲרֵינִי נָזִיר) אַמַאן הָט גְזָאגְט אִיךְ זָאל זַיין אַנָזִיר . אוּנ פְּרֶעגְט דִי ווייבּ (וְאַתְּ) אוּנ דוּ ווָס זָאגְסְט . ווילְכְט אוֹךְ זַיין אַנְזִירָה (וְאָמְרָה אָמֵן) הָט זִי גְזָאגְט אָמֵן אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר נְזִירוּת (מֵיפֵר אֶת שֶׁלָּה) קֶען עֶר שְׁטֶערְן אִירֶע נְזִירוּת (וְשֶׁלּוֹ קַיָּים) אוּנ זַיינֶע נְזִירוּת אִיז גוּט (הֲרֵינִי נְזִירָה) אַאִשָּׁה זָאגְט אִיךְ זָאל זַיין אַנְזִירָה . אוּנ פְּרֶעגְט דֶעם מַאן (וְאַתָּה) אוּנ דוּ ווָס זָאגְסְט ווילְכְט אוֹךְ זַיין אַנָזִיר (וְאָמַר אָמֵן) הָט עֶר גְזָאגְט אָמֵן אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר נְזִירוּת (אֵינוֹ יָכוֹל לְהָפֵר) קֶען עֶר נִיט שְׁטֶערְן אִיר נֶדֶר : ג (הָאִשָּׁה שֶׁנָּדְרָה בְּנָזִיר) אַאִשָּׁה הָט גְטָאן אַנֶדֶר זִי זָאל זַיין אַנְזִירָה (וְהָיְתָה שׁוֹתָה בְּיַיִן וּמִיטַּמְּאָה לַמֵּתִים) אוּנ זִי הָט גְטְרוּנְקֶן ווַיין אוּנ הָט זִיךְ מְטַמֵּא גְוֶועֶן צוּ מֵתִים . דֶר נָאךְ הָט אִיר דֶר מַאן גְשְׁטֶערְט דֶעם נֶדֶר (הֲרֵי זוֹ סוֹפֶגֶת אֶת הָאַרְבָּעִים) שְׁלָאגְט מֶען אִיר פֶערְצִיג מַלְקוֹת . אָבֶּר (הֵפֵר לָהּ בַּעְלָהּ) אַז דֶר מַאן הָט אִיר גְשְׁטֶערְט דֶעם נֶדֶר אֵיידֶר זִי הָט גְטְרוּנְקֶן ווַיין אוּנ אֵיידֶר זִי הָאט זִיךְ מְטַמֵּא גְוֶועֶן צוּ מֵתִים : נָאר (וְהִיא לֹא יָדְעָה שֶׁהֵפֵר לָהּ בַּעְלָהּ) זִי הָט נִיט גְווָאסְט אַז דֶר מַאן הָאט גְשְׁטֶערְט דֶעם נֶדֶר (וְהָיְתָה שׁוֹתָה בְּיַיִן וּמִטַּמְּאָה לַמֵּתִים) הָט זִיא גְטְרוּנְקֶן ווַיין אוּנ מְטַמֵּא גְוֶועֶן צוּ מֵתִים (אֵינָהּ סוֹפֶגֶת אֶת הָאַרְבָּעִים) שְׁלָאגְט מֶען אִיר נִיט קֵיין פֶערְצִיג מַלְקוֹת . רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט (אִם אֵינָהּ סוֹפֶגֶת אֶת הָאַרְבָּעִים) אוּבּ מֶען שְׁלָאגְט אִיר נִיט קֵיין פֶערְצִיג מַלְקוֹת ווייל זִי הָט בֶּאֱמֶת נִיט גְטָאן קֵיין אִיסוּר ווייל דֶר נֶדֶר אִיז שׁוֹן גְוֶועֶן גְשְׁטֶערְט (תִּסְפּוֹג מַכּוֹת מַרְדּוּת) אָבֶּר מַלְקוֹת מִדְּרַבָּנָן שְׁלָאגְט מֶען אִיר ווייל זִי הָט נִיט גְווָאסְט אַז דֶר נֶדֶר אִיז גְשְׁטֶערְט אוּנ הָט עוֹבֵר גְוֶועֶן אוֹיף אִים : ד (הָאִשָּׁה שֶׁנָּדְרָה בְּנָזִיר) אַאִשָּׁה הָט גְטָאן אַנֶדֶר זִי זָאל זַיין אַנְזִירָה (וְהִפְרִישָׁה אֶת בְּהֶמְתָּהּ) אוּנ זִי הָט אָפּ גְשֵׁייט אַבְּהֵמָה צוּ אַקָרְבָּן פוּן נְזִירוּת (וְאַחַר כָּךְ הֵפֵר לָהּ בַּעְלָהּ) דֶר נָאךְ הָט אִיר דֶר מַאן גְשְׁטֶערְט דִי נְזִירוּת (אִם שֶׁלּוֹ הָיְתָה בְּהֶמְתָּהּ) אוּבּ דִי בְּהֵמָה אִיז גְוֶועֶן זַיינֶע (תֵּצֵא וְתִרְעֶה בָּעֵדֶר) זָאל דִי בְּהֵמָה אַרוֹס גֵיין פוּן אִיר קְדוּשָּׁה אוּנ זָאל זִיךְ פַּטְרְן אִין דֶר סְטַאדֶע (וְאִם שֶׁלָּהּ הָיְתָה בְּהֶמְתָּהּ) אוּנ אוּבּ דִי בְּהֵמָה אִיז גְוֶועֶן אִירֶע . אֵיינֶר הָט אִיר גְשֵׁיינְקְט

בהמתה. תצא ותרעה בעדר. ואם שלה היתה בהמתה. החטאת תמות. והעולה תקרב עולה. והשלמים תקרב שלמים. ונאכלין ליום אחד. ואינן טעונין לחם. היו לה מעות סתומים. יפלו לנדבה. מעות מפורשים. דמי חטאת ילכו לים המלח. לא נהנים ולא מועלים בהן. דמי עולה יביאו עולה. ומועלים בהן. דמי שלמים יביאו שלמים. ונאכלין ליום אחד ואינן טעונין לחם: ה נזרק עליה אחד מן הדמים. אינו יכול להפר. רבי עקיבא אומר. אפילו נשחט עליה אחת מכל הבהמות אינו יכול להפר.

לבעלה רשות בהן דנכסי מלוג ונכסי צאן ברזל כולן משועבדים לבעלה: החטאת תמות. ממתינין לה עד שתמות: ונאכלין ליום א'. כשלמי נזיר שאין נאכלים אלא ליום ולילה: ואין טעונין להם. שכל שלמי נזיר טעוני' לחם. וזו הואיל והפר לה בעלה אין שלמים הללו טעונים לחם: היו לה מעות סתומים. שהפרישתן סתם לקרבנו' נזיר ולא פירשה אלו הם לחטאת ואלו הם לעולה ואלו הם לשלמי': יפלו לנדבה. לתיבות שבמקדש שמשליכים בהם שאר מעות נדבה וקונים מהן קרבנות שכלן עולות: לא נהנין ולא מועלין. לכתחילה אסור ליהנות בהן ואם נהנה אינו חייב להביא קרבן מעילה כאמור בכל מי שנהנה מן ההקדש: ה נזרק עליה אחד מן הדמים אינו יכול להפר. דלאחר שנזרק הדם כיון שהיא יכולה לשתות יין וליטמא למתים. ואין כאן יוסר כדר של עינוי נפש: ר' עקיבא אומר

במה

---

די בהמה אויף דעם תנאי זי זאל ניט געהערן צום מאן (החטאת) די בהמה וואס זי האט אפגשייט עס זאל זיין החטאת. זאל מען איר האלטן ביז זי פייגרט (והעולה) אונ די בהמה וואס זי האט אפ גשייט עס זאל זיין אעולה (תקרב עולה) זאל מען איר מקריב זיין פר אעולה (והשלמים) אונ די בהמה וואס זי האט אפ גשייט עס זאל זיין שלמים (תקרב שלמים) זאל מען איר מקריב זיין פר שלמים (ונאכלין ליום אחד) אונ זיי ווערן געגעסן נאר איין טאג. אזוי ווי דר דין איז ביי שלמים פון אנזיר (ואינן טעונין לחם) אונ צו די שלמים דארף מען ניט קיין פערציג חלות (היו לה מעות) אז זי האט גהאט געלט און גגרייט צו קופן פר זיי קרבנות (סתומים) סתם. אונ האט ניט אפ גלייגט יעדע געלט בזונדר. די זאל זיין פר אחטאת אונ די פר אעולה אונ די פר שלמים. אונ דר מאן האט איר גשטערט דעם נדר (יפלו לנדבה) זאל די געלט זיין אנדבה מען זאל קופן פר זיי קרבנות עולות (מעות מפורשים) אז די געלט איז געווען אפ גשייט יעדר בזונדר. פר אעולה. פר שלמים. פר אחטאת (דמי חטאת ילכו לים המלח) די געלט פון חטאת זאל מען אריין ווארפן אין גזאלצענעם ים (לא נהנים) מען טאר ניט הנאה האבן פון זיי (ולא מועלין בהן) אונ אז מען האט הנאה גהאט פון זיי דארף מען ניט ברייגן קיין קרבן מעילה (דמי עולה) פר די געלט פון דר עולה (יביאו עולה) זאל מען ברייגן אעולה (ומועלים בהן) אונ אז מען האט הנאה פון די געלט דארף מען ברייגן אקרבן מעילה (דמי שלמים) פר די געלט פון די שלמים (יביאו שלמים) זאל מען ברייגן שלמים (ונאכלין ליום אחד) אונ די שלמים זאל געגעסן ווערן נאר איין טאג (ואינן טעונין חלות) אונ מען דארף ניט ברייגן קיין פערציג חלות צו די שלמים: ה (נזרק עליה אחד מן הדמים) אויב עס איז גשפרייגגט געווארן פון אירטוועגן די בלוט אפילו נאר פון איין קרבן (אינו יכול להפר) קען ער ניט שטערן איר נדר. ווייל און זיין שטערן מעג זי שון אויך טרינקן וויין. רבי עקיבא זאגט (אפילו נשחט עליה אחת מכל הבהמות) אפילו עס איז נאר גשאכטן געווארן פון אירטוועגן איין בהמה פון די אלע בהמות (אינו יכול להפר) קען



ער

אומר אפי' נשחטה עליה אחת מכל הבהמות אינו יכול להפר.

משום הפסד קדשים: תגלחת טומאה יפר. שצריכה לחזור ולמנות נזירות מחדש דיכול לומר אי אפשי באשה מנוולת כלומר מטונפת ומטעה משתיית יין: אף בתגלחת הטהרה יפר. כדי שלא תצטרך להתנוול בגלוח דגלוח באשה נוול היא ות"ק סבר אין הגלוח נוול שהרי יכולה לעשות פאה נכרית. ואין הלכה לא כרבי עקיבא ולא כרבי: ה האיש מדיר את בנו בנזיר. כשהוא קטן עד שיביא ב' שערות אחר שיהיה בן י"ג שנה ויום אחד וכל דין נזירות עליו ואביו מביא קרבנותיו ואם נטמא מביא קרבן טומאה והאי מדירו שאומר לו תהא נזיר או הרי בני פלוני נזיר והוא שלא ימחה לא הבן ולא הקרובים ודבר זה הלכה מפי הקבלה: כיצד גלח או שגלחוהו קרוביו. כילד יעשה האב בקרבנות בזמן שגלח הבן ולא קבל הנזירות או

במה דברי' אמורים בתגלחת הטהרה. אבל בתגלחת הטומאה' יפר' שהוא יכול לומר אי אפשי באשה מנוולת. רבי אומר אף בתגלחת הטהרה יפר. שהוא יכול לומר אי אפשי באשה מגלחת: ה האיש מדיר את בנו בנזיר. ואין האשה מדירה את בנה בנזיר. כיצד. גלח או שגלחוהו קרוביו. מיחה או שמיחו קרוביו. היתה לו בהמה מופרשת. החטאת תמות. והעולה תקרב עולה. והשלמים יקרבו שלמים. ונאכלין ליום אחד ואין טעונין לחם. היו לו מעות סתומין

---

ער שון ניט שטערן איר נדר (בַּמֶּה דְּבָרִים אֲמוּרִים) ווען איז די רייד געזאגט געווארן אז ער קען ניט שטערן דעם נדר אז מען האט געשאכטן די קָרְבָּנוֹת (בְּתִגְלַחַת טַהֲרָה) אז זי שערט זיך אפ פון נְזִירוּת וואס זי האט אפ געציילט בְּטַהֲרָה. ווייל די נְזִירוּת האט זיך שון אום געלאזט. וואס וועט ער שטערן (אֲבָל בְּתִגְלַחַת טוּמְאָה) אָבער אז זי שערט זיך אפ פון נְזִירוּת פון טוּמְאָה וואס זי דארף דר נאך נאך אמאל ציילן נְזִירוּת פון טַהֲרָה. אֲפִילוּ די קָרְבָּנוֹת זענען געשאכטן געווארן (יָפֵר) קען ער שטערן אירע נְזִירוּת (שֶׁהוּא יָכוֹל לוֹמַר) ווארום ער קען זאגן (אִי אֶפְשִׁי בְּאִשָּׁה מְנֻוֶּלֶת) איך וויל ניט אַאִשָּׁה וואס זי איז פר מִיאוּסְת [וואס פייניגט זיך אונ טרינקט ניט קיין וויין]. רַבִּי זאגט (אַף בְּתִגְלַחַת הַטַּהֲרָה יָפֵר) אֲפִילוּ זיא וויל זיך אפ שערן נאך דיא נְזִירוּת פון טַהֲרָה. קען ער שטערן איר נדר אונ ניט לאזן אפ שערן (שֶׁהוּא יָכוֹל לוֹמַר) ווארום ער קען זאגן (אִי אֶפְשִׁי בְּאִשָּׁה מְגֻלַּחַת) איך וויל ניט אווייב וואס זי גייט מיט אפ געשוירענע האר: ו (הָאִישׁ מַדִּיר אֶת בְּנוֹ בְּנָזִיר) אמענטש קען טאן אנדר אויף זיין זון ער זאל זיין אנזיר אז דר זון מיט די קְרוֹבִים שטערן אים ניט (וְאֵין הָאִשָּׁה מַדִּירָה אֶת בְּנָהּ בְּנָזִיר) אָבער אַאִשָּׁה קען ניט טאן אנדר אויף איר זון ער זאל זיין אנזיר (כֵּיצַד) ווי זאל דר פאטער טאן מיט די קָרְבָּנוֹת אז דר זון אָדער די קְרוֹבִים ווילן ניט די נְזִירוּת. דְהַיְינוּ (גִּלַּח) דר זון האט זיך אפ געשוירן (אוֹ שֶׁגִּלְּחוּהוּ קְרוֹבָיו) אָדר זיינע קְרוֹבִים האבן אים אפ געשוירן. צו ווייזן אז זיי ווילן ניט די נְזִירוּת (מִיחָה) אָדר דר זון האט געזאגט בְּפֵירוּשׁ ער וויל ניט די נְזִירוּת (אוֹ שֶׁמִּיחוּ קְרוֹבָיו) אָדר די קְרוֹבִים האבן געזאגט בְּפֵירוּשׁ זיי ווילן ניט די נְזִירוּת (הָיְתָה לוֹ בְּהֵמָה מוּפְרֶשֶׁת) אונ ער האט געהאט בְּהֵמוֹת אפ געשייט אויף קָרְבָּנוֹת צו זיינע נְזִירוּת (הַחַטָּאת תָּמוּת) דעם חַטָּאת זאל מען האלטן ביז ער פייגרט (וְהָעוֹלָה תִּקְרַב עוֹלָה) אונ די עוֹלָה זאל מען מַקְרִיב זיין פר אעוֹלָה (וְהַשְּׁלָמִים יִקְרְבוּ שְׁלָמִים) אונ די שְׁלָמִים זאל מען מַקְרִיב זיין פר שְׁלָמִים (וְנֶאֱכָלִין לְיוֹם אֶחָד) אונ זיי ווערן געגעסן נאר איין טאג (וְאֵין טְעוּנִין לֶחֶם) אונ זיי דארפן ניט קיין פערציג חלות (הָיוּ לוֹ מָעוֹת) אז ער האט אן געגרייט געלט

סתומין. יפלו לנדבה. מעות מפורשין. דמי חטאת ילכו לים המלח. לא נהנין ולא מועלין. דמי עולה יביאו עולה. ומועלין בהן. דמי שלמים יביאו שלמים. ונאכלין ליום אחד. ואינן טעונין לחם: ז האיש מגלח על נזירות אביו ואין האשה מגלחת על נזירות אביה. כיצד. מי שהיה אביו נזיר. והפריש מעות סתומים על נזירתו. ומת ואמר הריני נזיר על מנת שאגלח על מעות אבא. א"ר יוסי הרי אלו יפלו לנדבה. אין זה מגלח על נזירות אביו. איזהו שמגלח על נזירות אביו. מי שהיה הוא ואביו נזירים. והפריש אביו מעות סתומים לנזירתו

או שגלחוהו קרובים. או מיחה או שמיחוהו קרובים דבטל הנזירות. ודוקא כשמיחה הוא. או מיחו הקרובים מיד. אבל אם התחיל לנהוג נזירות או שקבל עליו הנזירות תו לא מצי למימחי לא הוא ולא קרובים: ז האיש מגלח על נזירות אביו ואין האשה מגלחת על נזירות אביה. ואפי׳ היא בת יורשת ודבר זה הלכה מפי הקבלה: אמר רבי יוסי הרי אלו יפלו לנדבה וכו׳. ואין הלכה כר"י אלא בין שמת אביו ואמר הריני נזיר ע"מ שאגלח על מעות אבא בין שהיו הוא ואביו נזירים ומת אביו מגלח על נזירות

---

צו קויפן פר זיי קרבנות (סתומין) סתם. אונ הט ניט אפּ גלייגט יעדע געלט בזונדר. די זאל זיין צו א חטאת אונ די צו א עולה אונ די צו שלמים (יפלו לנדבה) זאל דיא געלט זיין א נדבה מען זאל קויפן פר זיי נדבות עולות (מעות מפורשין) אז די געלט איז גוועזן אפּ געשייט יעדע בזונדר. פר א עולה. פר שלמים. פר א חטאת (דמי חטאת ילכו לים המלח) די געלט פון חטאת זאל מען אריין ווארפן אין גזאלצענעם ים (לא נהנין) מען טאר ניט הנאה האבן פון זיי (ולא מועלין) אונ אז מען האט הנאה גהאט פון זיי דארף מען ניט ברענגן קיין קרבן מעילה (דמי עולה יביאו עולה) פר די געלט פון א עולה זאל מען ברענגן א עולה (ומועלין בהן) אונ אז מען הט הנאה פון די געלט דארף מען ברענגן א קרבן מעילה (דמי שלמים יביאו שלמים) פר די געלט פון די שלמים זאל מען ברענגן שלמים (ונאכלין ליום אחד) אונ זיי ווערן געגעסן נאר איין טאג (ואינן טעונין לחם) אונ מען דארף ניט ברענגן קיין פערציג חלות: ז (האיש מגלח על נזירות אביו) א מענטש מעג זיך אפּ שערן אויף די נזירות פון זיין פאטר (ואין האשה מגלחת על נזירות אביה) אבר א אשה טאר זיך ניט שערן אויף די נזירות פון איר פאטר (כיצד) ווי מיינט מען (מי שהיה אביו נזיר) אוב זיין פאטר איז גוועזן א נזיר (והפריש מעות סתומים על נזירתו) אונ ער הט אפּ געשייט געלט צו קויפן קרבנות צו זיינע נזירות. אונ ער הט ניט גלייגט די געלט אויף יעדן קרבן בזונדר. נאר אויף אלע צו זאמן (ומת) אונ ער איז געשטארבן (ואמר) הט דר זון גזאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין א נזיר (על מנת) אויף דעם תנאי (שאגלח על מעות אבא) איך זאל מיך אפּ שערן אונ ברענגן קרבנות פון די געלט וואס דר טאטע הט גלאזן (אמר רבי יוסי) הט רבי יוסי גזאגט (הרי אלו יפלו לנדבה) דיא געלט וואס דר פאטר הט גלאזן זאל מען קויפן פר זיי קרבנות אונ מקריב זיין פר א נדבה (אין זה מגלח על נזירות אביו) אונ ער זאל זיך ניט שערן צו ברענגן קרבנות פון די געלט וואס דר פאטר האט אפּ געשייט צו זיינע נזירות. נאר ער מוז ברענגן קרבנות פון אנדר געלט (איזהו שמגלח על נזירות אביו) וועלכר נזיר מעג זיך שערן אונ ברענגן קרבנות פון די געלט וואס דר פאטר הט אפּ געשייט צו זיינע נזירות (מי שהיה הוא ואביו נזירים) אוב ער אונ זיין פאטער זענען ביידע גוועזן נזירים (והפריש אביו מעות סתומים לנזירתו) אונ דער פאטער האט אפּ געשייט געלט [סתם] אויף דיא קרבנות.

נזירות אביו אם היו בניו רבים וקדם אחד מהן וגילח על נזירות אביו זכה :

פרק ה **בית** שמאי אומרים הקדש טעות הקדש · דילפינן מתמורה דהוי אפילו בטעות דכתיב (ויקרא כז) והיה הוא ותמורתו יהיה קדש ודרשי' יהיה לרבות שוגג כמזיד : וב"ה אומרים אינו הקדש . דלא גמרינן תחלת הקדש דבר שאינו בא מכח הקדש מתמורה שהוא סוף הקדש שבא מכח דבר אחר שהי' הקדש : ב דינר זהב . רישא אשמועינן במידי דקדוש קדושת הגוף . וסיפא אשמועינן במידי דקדוש קדושת דמים : ג מי שנדר בנזיר . בלשון שהיה דומה לו שלא היה נזיר : ונשאל לחכם ואסרו . ואמר לו שיש בל' זה לשון נזירות והוא לא נזהר מלשתות יין : מונה משעה שנדר . [ולא] קנסינן ליה על שעבר ושתה יין . אע"ג דמספק איסור היה לו לפרוש עד שישאל לחכם : נשאל לחכם והתירו

לנזירתו ומת · זה הוא שמגלח על נזירות אביו :

פרק ה **בית** שמאי אומרים הקדש טעות הקדש · ובית הלל אומרים אינו הקדש . כיצד. אמר שור שחור שיצא מביתי ראשון הרי הוא הקדש ויצא לבן . ב"ש אומרים הקדש · וב"ה אומרים אינו הקדש : **ב** דינר זהב שיעלה בידי ראשון הרי הוא הקדש . ועלה של כסף . בית שמאי אומרים הקדש . וב"ה אומרים אינו הקדש . חבית של יין שתעלה בידי ראשונה . הרי היא הקדש · ועלתה של שמן · ב"ש אומרים הקדש . וב"ה אומרים אינו הקדש : **ג** מי שנדר בנזיר . ונשאל לחכם ואסרו · מונה משעה שנדר . נשאל לחכם והתירו ·

היתה

---

און האט ניט גקייגט דיא געלט פון יעדען קרבן בזונדער (ומת) און דער פאטר איז גשטארבן (זה הוא שמגלח על נזירות אביו) דער זון מעג זיך אפ שערן און ברייגגען קרבנות פון דיא געלט וואס דר פאטר האט אפ גשייט צו זיינע קרבנות :

פרק ה בית שמאי זאגן (הקדש טעות הקדש) אז מען זאגט אוף אזאך דאס זאל זיין הייליג . און מען האט אטעות גהאט . פון דעסטוועגן איז די זאך הייליג . און בית הלל זאגן (אינו הקדש) די זאך איז ניט הייליג (כיצד) ווי מיינט מען (אמר שור שחור שיצא מביתי ראשון הרי הוא הקדש) ער הט גזאגט דר שווארצר אקס וואס וועט ארוס גיין צו ערשט פון מיין שטוב זאל ער זיין הייליג (ויצא לבן) און דר ווייסר אקס איז ארוס גגאנגן צו ערשט . בית שמאי זאגן (הקדש) דר ווייסר אקס איז הייליג . בית הלל זאגן דר ווייסר אקס איז ניט הייליג : ב (דינר זהב שיעלה בידי ראשון הרי הוא הקדש) דר גאלדענר גילדן וואס ער וועט קומן צו ערשט אין מיין האנט זאל ער זיין הייליג (ועלה של כסף) און עס איז אים גקומן אין האנט צו ערשט אזילבערנר גילדן . בית שמאי זאגן (הקדש) דר זילבערנר גילדן איז הייליג . און בית הלל זאגן דר זילבערנר גילדן איז ניט הייליג (חבית של יין שתעלה בידי ראשונה) די פאס וויין וואס וועט קומן אין מיין האנט צו ערשט (הרי היא הקדש) זאל זי זיין הייליג (ועלתה של שמן) און עס איז אים גקומן אין האנט צו ערשט אפאס אייל . בית שמאי זאגן (הקדש) דיא פאס אייל איז הייליג . און בית הלל זאגן (אינו הקדש) די פאס אייל איז ניט הייליג : ג (מי שנדר בנזיר) ער הט גטאהן אנדר ער זאל זיין אנזיר . מיט אזו אלשון וואס ער הט גמיינט אז ער וועט ניט זיין קיין נזיר . הט ער דר ווייל גיטרונקן וויין (ונשאל לחכם) און ער הט גפרעגט אלמדן (ואסרו) הט ער אים גיאסרת צו טרינקן וויין . ווארום ער איז אנזיר (מונה משעה שנדר) ציילט ער די נזירות פון דר צייט וועס ער הט אנדר גטאן (נשאל לחכם והתירו) אז ער האט

והתירו. שאמר לו שאין בלשון זה לשון נזירות: תצא ותרעה בעדר. דהפיסה בטעות הואי ושלא לחולין ובהא מודו ב"ש דכיון דאינו נזיר כי קאמר לקרבנות נזירתו ולא מידי קאמר כאדם שאינו חייב חטאת ואמר ה"ז לחטאתי: אי אתם מודים בזה שהוא הקדש טעות. ומאי שנא מרישא פרקין דאמריתו הקדש בטעו' הוי הקדש: א"ל ב"ש. לא חשו להשיבם עיקר טעמא אלא לדבריהם קאמרי להו מתשיעי ואחד עשר דקדשו בטעות דמרבינן ליה מן וכל מעשר בקר וצאן (ויקרא כז): אמרו להם ב"ה לא השבט קדשו. בתמיה כלומר גזרת הכתוב היא דתשיעי ואחד עשר הסמוכים לעשירי כשבא מקדשן אם קרא להם עשירי ולא ילפינן מיניה בעלמא דהקדש בטעות הוי הקדש דאילו הוי טעמא משום הקדש בטעות אם כן אפילו שמיני ושנים עשר נמי אלא

היתה לו בהמה מופרשת · תצא ותרעה בעדר· אמרו בית הלל לבית שמאי. אי אתם מודים בזה · שהוא הקדש טעות· שתצא ותרעה בעדר· אמרו להן ב"ש· אי אתם מודים במי שטעה · וקרא לתשיעי עשירי · ולעשירי תשיעי. ולאחד עשר עשירי. שהוא מקודש . אמרו להם ב"ה לא השבט קדשו . ומה אילו טעה והניח את השבט על שמיני. ועל שנים עשר. שמא עשה כלום. אלא כתוב שקדש העשירי · הוא קדש התשיעי · ואת

אחד

---

גפרעגט צו אלמדן (והתירו) אונ ער הט אים מתיר געוועזן צו טרינקן וויין . ווייל דאס איז ניט געוועזן קיין נדר (היתה לו בהמה מופרשת) אז ער הט געהאט א בהמה וואס זיא איז אפגשייט געווארן צו אקרבן פון די נזירות (תצא) זאל זי ארום גיין פון אירע היליקייט (ותרעה בעדר) אונ זאל זיך פיטערן אין דר סטאדע (אמרו) האבן געזאגט בית הלל צו בית שמאי (אי אתם מודים בזה) זענט איר דען ניט מודה ביי די בהמה (שהוא הקדש בטעות) ווייל זי איז געווארן הייליג דורך אטעות (שתצא ותרעה בעדר) דאריבר זאל זי ארום גיין פון איר הייליגקייט אונ זיך פיטערן אין דר סטאדע (אמרו להן בית שמאי) האבן בית שמאי געזאגט צו בית הלל (אי אתם מודים) זענט איר ניט מודה (במי שטעה) אז איינער האט געמעשרט זיינע בהמות. אונ דר וואס גייט ארום צום צעהנטן גיט ער אים אשמיץ מיט אגיפארבטע רוט. אונ זאגט דר צענטר זאל זיין הייליג צו מעשר אונ ער ווערט הייליג. אונ אז ער הט געהאט אטעות (וקרא לתשיעי עשירי) אונ הט גרופן אויף דעם ניינטן . דר צענטר . (ולעשירי תשיעי) אונ אויף דעם צעהנטן הט ער גרופן ניינטר (ולאחד עשר עשירי) אונ אויף דעם עלפטן הט ער גרופן צעהנטר (שהוא מקודש) איז ער הייליג. תאמשי דס איז געווארן הייליג דורך אטעות . פון דעסטוועגן איז דס הייליג. איז דאך הקדש בטעות הקדש ווי בית שמאי זאגן (אמרו להן בית הלל) האבן בית הלל געזאגט צו בית שמאי (לא) ניט ווי איר מיינט אז (השבט קדשו) די רוט הייליגט די בהמה. אפילו עס איז אטעות (ומה) ווי וואלט געוועזן (אילו טעה) ווען ער וואלט געהאט אטעות (והניח את השבט על השמיני) אונ ער וואלט געלייגט די רוט אויף דעם אכטן שעפס . אדר (ועל שנים עשר) אויף דעם צוועלפטן (שמא עשה כלום) טאמר וועט איר זאגן אז ער הט עפעס געטאן אונ זיי זענען אויך הייליג ווייל עס איז געוועזן אטעות. אונ באמת איז דר דין אז דורך אטעות איז ניט הייליג. אונ דר אכטר מיט דעם צוועלפטן קענען גיט הייליג ווערן (אלא) וואס דר ניינטר אונ דר עלפטר זענען הייליג איז ניט דורך דעם טעות נאר (כתוב) דר פסוק [די תורה] (שקדש העשירי) וואס הט גיהייליגט דעם צעהנטן (הוא קדש התשיעי) הט ער גיהייליגט



דעם

אחד עשר : ד מי שנדר בנזיר. והלך להביא את בהמתו ומצאה שנגנבה. אם עד שלא נגנבה בהמתו נזר. הרי זה נזיר. ואם משנגנבה בהמתו נזר אינו נזיר. וזו טעות טעה נחום המדי. כשעלו נזירים מן הגולה. ומצאו בהמ״ק חרב. אמר להם נחום המדי אלו הייתם יודעים שבהמ״ק חרב. הייתם נוזרים. אמרו לו לא. והתירן נחום המדי. וכשבא הדבר אצל חכמים. אמרו לו. כל שנזר עד שלא חרב בהמ״ק. נזיר. ומשחרב בהמ״ק. אינו נזיר: ה היו מהלכין בדרך. ואחד בא כנגדן. אמר אחד מהן הריני נזיר שזה

אלא הכתוב הקדש עשירי כו׳ וגזרת הכתוב היא ולא ילפינן מיניה : ד מי שנדר בנזיר. ובשעה שנדר היו לו בהמות ואדעתא דהכי נדר שיקריב קרבנותיו מאותם בהמות והלך ומצאן שנגנבו ומחמת זה מתחרט על שנדר בנזיר : אם עד שלא נגנבו בהמותיו נדר הרי זה נזיר . ולא יתיר לו החכם בפתח זה . דנולד הוי . ואין פותחין בנולד : ואם לאחר שנגנבו נדר . ואמר אילו הייתי יודע שנגנבו לא הייתי נודר הרי זה פתח ויתירנו החכם : וזה טעות טעה נחום המדי . שכשעלו נזירים מן הגולה ומצאו בית המקדש חרב והם נדרו קודם שחרב הבית והתירן ואמרו לו חכמים דנולד הוא ואין פותחין בנולד והלכה כחכמים : ה הריני נזיר שזה איש פלוני

---

דעם ניינטן (ואת אחד עשר) אונ דעם עלפטן ווייל זיי זענן ביי דעם צענטן : ד (מי שנדר בנזיר) ווען איינר הט גטאן אנדר ער זאל זיין אנזיר . אונ ווען ער הט גטאן דעם נדר האט ער גהאט בהמות . אונ אויף דר דעה הט ער גטאן דעם נדר ער זאל ברייינגן די קרבנות פון זיינע בהמות (והלך להביא את בהמתו) אונ ער איז גיגאנגן ברייינגן די בהמות צו די קרבנות (ומצאה שנגנבה) אונ ער הט גפונן די בהמות זענן גיגנבת גווארן (אם עד שלא נגנבה בהמתו נזר) אוב ער הט גטאן דעם נדר איידר די בהמות זענן גנבת גווארן (הרי זה נזיר) איז ער אנזיר אונ מוז קויפן בהמות צו זיינע נזירות (ואם משנגנבה בהמתו נזר) אונ אוב דר נאך ווי די בהמות זענן שון גנבת גווארן הט ער אנדר גטאן . אונ ער זאגט ווען איך וואלט וויסן אז איך האב ניט קיין בהמות וואלט איך ניט גטאן קיין נדר (אינו נזיר) איז ער ניט קיין נזיר (וזו טעות טעה נחום המדי) אונ דעם טעות הט נחום המדי אטעות גיהאט (כשעלו נזירים מן הגולה) אז די נזירים זענן גגאנגן פון ארץ ישראל אין ירושלים (ומצאו בית המקדש חרב) אונ האבן גפונן דר בית המקדש איז חרוב גווארן אונ קענן ניט מקריב זיין זייערע קרבנות (אמר להם נחום המדי) הט נחום המדי צו זיי גזאגט (אילו הייתם יודעים שבית המקדש חרוב) ווען איר וואלט וויסן אז דר בית המקדש איז חרוב (הייתם נוזרים) וואלט איר גטאן אנדר פון נזירות (אמרו לו לא) האבן די נזירים צו אים גזאגט . ניין (והתירן נחום המדי) הט זיי נחום המדי מתיר גוועזן זייערע נזירות (וכשבא הדבר אצל חכמים) אז די זאך איז גקומן צו די חכמים (אמרו לו) האבן די חכמים גזאגט צו נחום המדי (כל שנזר עד שלא חרב בית המקדש) ווער עס הט גטאן אנדר אויף נזירות איידר דר בית המקדש איז חרוב גווארן (נזיר) דר מוז זיין אנזיר (ומשחרב בית המקדש) אונ ווער עס האט אנדר גטאן דר נאך ווי דער בית המקדש איז שון גוועזן חרוב (אינו נזיר) דער זאל ניט זיין קיין נזיר : ה (היו מהלכין בדרך) מענטשן זענן גגאנגן אין וועג (ואחד בא כנגדן) אונ איינר איז גקומן זיי אנטקעגן (אמר אחד מהן) הט איינר פון זיי גזאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שזה פלוני) אז דר וואס קומט אקעגן איז יענר

שזה פלוני. ואחד אמר הריני נזיר שאין זה פלוני. הריני נזיר שאחד מכם נזיר. שאין אחד מכם נזיר. ששניכם נזירים. שכולכם נזירים. בית שמאי אומרים כולם נזירין. ובית הלל אומרים אינו נזיר אלא מי שלא נתקיימו דבריו. ור"ט אומר אין אחד מהם נזיר: ו הרתיע לאחוריו אינו נזיר. ר"ש אומר יאמר אם היה כדברי הריני נזיר חובה. ואם לאו הריני נזיר נדבה: ז ראה את הכוי ואמר הריני נזיר שזה חיה. הריני נזיר שזה אינו חיה. הריני נזיר שזה בהמה. הריני נזיר שאין זה בהמה. הריני נזיר שזה חיה ובהמה. הריני נזיר שאין זה לא חיה

פלוני. אם זה ההולך לנגדי הוא איש פלוני הריני נזיר והשני אמר אם אין זה איש פלוני הריני נזיר: כלם נזירים. ואפילו אותם שלא נתקיימו דבריהם דכי היכי דהקדש בטעות הוי הקדש ה"נ נזירו' בטעו' הויא נזירות: רט"א אין אחד מהם נזיר. דסבר ר"ט אין נזירות אלא להפלאה כלומר שיהא ברור וידוע לו בשעת נדרו שיהא נזיר וכל הני לא היה ידוע לו בשעת נדרו שיהיה כדבריו ואין הלכה כר"ט: ו הרתיע לאחוריו. זה שבא כנגדן חזר לאחוריו ולא נודע מי הוא: אינו נזיר. אין אחד מהם נזיר דלא מחית איניש נפשיה אספיקא ודעתו הוה בשעת הנדר שאם לא יבא הדבר לידי בירור שלא יהיה בדבריו כלום: ר"ש אומר כו'. רבי שמעון לטעמיה דאמר ספק נזירות להחמיר ומה תקנתן שהרי א"א להביא קרבן מספק אלא צריכין להתנות כל אחד ולומר אם אינו כדבריו שיהא נזיר נדבה ואין הלכה כר"ש: ז ראה את הכוי. שהיו בני אדם שראו את הכוי ואמר אחד מהן הריני נזיר אם זה חיה ואמר השני הריני נזיר אם אינו חיה ואמר השלישי הריני נזיר אם הוא בהמה

[און ער האט געזאגט זיין נאמען] (ואחד אמר) און איינער האט געזאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שאין זה פלוני) אז דם איז ניט יענער וואס דו זאגסט. דר דריטער זאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שאחד מכם נזיר) אוב איינער פון אייך איז אנזיר. דר פערדר זאגט איך זאל זיין אנזיר (שאין אחד מכם נזיר) אוב ניט איינער פון אייך איז אנזיר. דר פינפטער זאגט איך זאל זיין אנזיר (ששניכם נזירים) אוב איר ביידע זענט נזירים. דר זעקסטער זאגט איך זאל זיין אנזיר (שכולכם נזירים) אוב איר אלע זענט נזירים. בית שמאי זאגן (כולם נזירין) אלע זענען נזירים. און בית הלל זאגן (אינו נזיר) קיינער איז ניט קיין נזיר (אלא מי (שלא) שנתקיימו דבריו) נאר דר וואס זיינע רייד זענען מקוים געווארן דר איז אנזיר [עיין תוי"ט]. רבי טרפון זאגט (אין אחד מהם נזיר) ניט איינער פון זיי איז אנזיר: ו (הרתיע לאחוריו) אוב דר וואס איז געקומען אנקעגן איז צוריק געגאנגען און מען ווייס ניט ווער ער איז (אינו נזיר) איז קיינער ניט קיין נזיר רבי שמעון זאגט (יאמר) ער זאל זאגן (אם היה כדברי) אוב עס איז געווען ווי מיינע רייד (הריני נזיר חובה) זאל איך זיין אנזיר פר מיין נדר (ואם לאו) און אוב עס איז ניט געווען ווי מיינע רייד (הריני נזיר נדבה) זאל איך זיין אנזיר אן אנדר נאר אנדבה: ז (ראה את הכוי) איינער האט געזען אכוי האט ער געזאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שזה חיה) אז דם איז אחיה. דר אנדערער זאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שזה אינו חיה) אז דם איז ניט קיין חיה. דער דריטער זאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שזה בהמה) אז דם איז אבהמה. דר פערדר זאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שאין זה בהמה) אז דם איז ניט קיין בהמה. דר פינפטר זאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שזה חיה ובהמה) אז דאס איז אחיה און אבהמה. דער זעקסטר זאגט (הריני נזיר) איך זאל זיין אנזיר (שאין זה לא חיה ולא בהמה) אז דאס איז ניט


קיין

ולא בהמה. הריני נזיר שאחד מכם נזיר. הריני נזיר שאין אחד מכם נזיר. הריני נזיר שכולכם נזירין. הרי כולם נזירים:

פרק ו **שלשה** מינין אסורין בנזיר. הטומאה והתגלחת. והיוצא מן הגפן. וכל היוצא מן הגפן. מצטרפין זה עם זה. ואינו חייב עד שיאכל מן הענבים כזית. משנה ראשונה עד שישתה רביעית יין. רבי עקיבא אומר אפילו שרה פתו ביין

בהמה ואמר הרביעי הריני נזיר אם איש בהמה ואמר החמישי הריני נזיר אם הוא חיה ובהמה ואמר הששי הריני נזיר אם אינו לא חיה ולא בהמה ואתו ג' אחריני מעלמא ואמר חד מינייהו לאלו הששה הריני נזיר אם אחד מכם נזיר. ואמר השני הריני נזיר אם אין אחד מכם נזיר. ואמר השלישי הריני נזיר אם כולכם נזירים. כלן נזירים הששה הראשונים והג' האחרונים לבית שמאי הוו נזירים ודאי דנזירות בטעות הוי נזירות. בין אותו שנתקיימו דבריו ובין אותו שלא נתקיימו דבריו הוי נזיר. ולב"ה הוי נזירות ספק מפני שהכוי ספק בהמה ספק חיה ספק בריה בפני עצמו:

פרק ו **שלשה** מינין אסורין בנזיר. הטומאה. דכתיב (במדבר ו) על כל נפשות מת לא יבא: התגלחת. דכתיב (שם) תער לא יעבור על ראשו: והיוצא מן הגפן. דכתיב (שם) וענבים לחים ויבשים לא יאכל: וכל היוצא מן הגפן. כגון ענבים לחים ויבשים חרצנים וזגים מצטרפין לכזית ללקות עליהן: ואינו חייב עד שיאכל מן הענבים כזית. וה"ה לשיעור שתיה בכזית דכיון דכתיב וענבים לחים ויבשים לא יאכל גמרינן מינה מה אכילה בכזית אף שתיה בכזית: משנה ראשונה עד שישתה רביעית יין. אבל משנה ראשונה איפכא. שמעינן לה דגמרינן אכילה משתיה ושיעור שתיה בנזיר רביעית דגמרינן שכר שכר ממקדש ומה שעור איסור שתיה ברביעית. אף שעור איסור אכילה ברביעית: אפילו שרה

---

קיין חַיָה און ניט קיין בְּהֵמָה. דער זיבּעטער זאָגט (הֲרֵינִי נָזִיר) איך זאָל זיין אַנָזִיר (שֶׁאֶחָד מִכֶּם נָזִיר) אויב איינער פון אייך איז אַנָזִיר. דער אַכְטער זאָגט (הֲרֵינִי נָזִיר) איך זאָל זיין אַנָזִיר (שֶׁאֵין אֶחָד מִכֶּם נָזִיר) אויב ניט איינער פון אייך איז אַנָזִיר. דער ניינטער זאָגט (הֲרֵינִי נָזִיר) איך זאָל זיין אַנָזִיר (שֶׁכֻּלְּכֶם נְזִירִים) אויב איר אַלע זענט נְזִירִים (הֲרֵי כֻּלָּם נְזִירִים) זענען אַלע נְזִירִים:

פרק ו (שְׁלשָׁה מִינִין אֲסוּרִין בְּנָזִיר) דריי זאַכן זענען אָסור צו אַנָזִיר (הַטּוּמְאָה) ער טאָר זיך ניט מְטַמֵא זיין צו אַמֵת (וְהַתִּגְלַחַת) ער טאָר זיך ניט שערן (וְהַיּוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן) און וואָס עס גייט אַרויס פון אַוויין שטאָק טאָר ער ניט טרינקען (וְכָל הַיּוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן) און אַלץ וואָס עס גייט אַרויס פון אַוויין שטאָק דהיינו פייכטע ווייַנטרויבן און טרוקענע שאָלאַכץ און קערנער פון וויינטרויבן (מִצְטָרְפִין זֶה עִם זֶה) רעכענען זיך צו זאַמען איין מין מיט דעם אַנדערע עס זאָל ווערן אַכְּזַיִת עס זאָל קומען דעם נָזִיר מַלְקוֹת אַז ער עסט דאָס (וְאֵינוֹ חַיָּיב עַד שֶׁיֹּאכַל מִן הָעֲנָבִים כְּזַיִת) און ער איז אַנדערש ניט חַיָּיב מַלְקוֹת סיידן ער עסט פון וויינטרויבן אַכְּזַיִת און טרינקען וויין איז אויך דער שִׁיעוּר אַכְּזַיִת [מגיסט אָן אַפולע כּלי וויין און מען לייגט אַריין אַאייעלבער [אָדער איין אַנדער זאַך וואָס איז גרויס ווי אַאייעלבער] און די וויין וואָס גייט אַרויס פון דער כּלי דאָס איז אַכְּזַיִת] (מִשְׁנָה רִאשׁוֹנָה) די ערשטע מִשְׁנָה האָט געלערנט ער איז אַנדערש ניט חַיָּיב מַלְקוֹת אויף טרינקען (עַד שֶׁיִּשְׁתֶּה רְבִיעִית יַיִן) סיידן ער זאָל טרינקען אַקוואַטיריל וויין. און עסן וויינטרויבן איז אויך דער שִׁיעוּר ווי אַקוואַטיריל [מען גיסט אָן אַפולע כּלי וואַסער און מען לייגט אַריין וויינטרויבן אויב דורך די וויינטרויבן גייט אַרויס פון דער כּלי אַקוואַטיריל וואַסער אַז ער עסט די וויינטרויבן איז ער חַיָּיב] רַבִּי עֲקִיבָא זאָגט אֲפִילוּ (שָׁרָה פִּתּוֹ בְּיַיִן) ער האָט געווייקט

פתו ביין ויש בה כדי לצרף כזית חייב. דס"ל לר' עקיבא שעור איסורי נזיר בין באכילה בין בשתיה. בכזית. והיתר מצטרף לאיסור להשלים לכשיעור ואין הלכה כרבי עקיבא: ב עד שיאכל ב' חרצנים וזגין. דכתיב (במדבר ו) מחרצנים ועד זג ומשמע תרלנים שנים ויש להם זג אחד ואין הלכה כר' אלעזר בן עזריה. אלא האוכל מן החרצן והזג הוא לוקה עד שיאכל מהן כזית: ר' יוסי אומר שלא תטעה. לבי יוסי

היה טחן סימן שלא תטעה: זוג של בהמה. שפעמון קרוי זוג: ג סתם נזירות שלשים יום. אע"ג דתני לה לעיל משום דבעי למתני סיפא גלח או שגלחוהו לסטים סותר ל' יום סדר תנא ליה הכא: סותר שלשי' יום. כלומ' סותר עד שיהיה לו גדול שער של ל' יום כשהות שגלח תגלחת של מלוה: או שסיפסף כל שהוא. שעקר ובהיל אפי' שער אחד חייב דכתיב (במדבר ו) תער לא יעבור לראשו כל

ביין. ויש בה כדי לצרף כזית חייב: ב וחייב על היין בפני עצמו. ועל הענבים בפני עצמן. ועל החרצנים בפני עצמן. ועל הזגים בפני עצמן. רבי אלעזר בן עזריה אומר. אין חייב עד שיאכל שני חרצנים וזגין. אלו הן חרצנים. אלו הן זגין. חרצנים אלו חיצונים. הזגים אלו הפנימים. דברי רבי יהודה. רבי יוסי אומר שלא תטעה. כזוג של בהמה. החיצון זוג. והפנימי עינבל: ג סתם נזירות ל' יום גלח או שגלחוהו לסטים. סותר שלשים יום. נזיר שגלח בין בזוג בין בתער. או שסיפסף כל שהוא חייב

---

ברויט אין וויין (וְיֵשׁ בָּה כְּדֵי לְצָרֵף כְּזַיִת) אונ אין די ברויט מיט די וויין צו זאמען איז דא אכזית (חַיָּב) איז ער חַיָּב מלקות אז ער עסט די ברויט: ב (וְחַיָּב עַל הַיַּיִן בִּפְנֵי עַצְמוֹ) אונ ער איז חַיָּב אויף וויין בזונדר (וְעַל הָעֲנָבִים בִּפְנֵי עַצְמָן) אונ אויף ווייְנטרויבן בזונדר (וְעַל הַחַרְצַנִּים בִּפְנֵי עַצְמָן) אונ אויף די קערנר פון וויינטרויבן בזונדר (וְעַל הַזַּגִּים בִּפְנֵי עַצְמָן) אונ אויף די שאלאכץ פון וויינטרויבן בזונדר. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה זאגט (אֵין חַיָּב עַד שֶׁיֹּאכַל שְׁנֵי חַרְצַנִּים וְזָגִין) ער איז אנדרש ניט חַיָּב סיידן ער זאל עסן צוויי קערנר מיט אשאלאכץ (אֵלּוּ הֵן חַרְצַנִּים) דאס זענען חַרְצַנִּים (וְאֵלּוּ הֵן זַגִּים) אונ דאס זענען זַגִּים (חַרְצַנִּים אֵלּוּ חִיצוֹנִים) חַרְצַנִּים זענען די אויסווייניגסטע (הַזַּגִּים אֵלּוּ הַפְּנִימִים) זַגִּים זענען די אינווייניגסטע (דִּבְרֵי רַבִּי יְהוּדָה) אזו זאגט רַבִּי יְהוּדָה. רַבִּי יוֹסִי זאגט (שֶׁלֹּא תִּטְעֶה) דו זאלסט ניט האבן אטעות וואס איז זַגִּים אונ וואס איז חַרְצַנִּים (כְּזוּג שֶׁל בְּהֵמָה) ווי דעם גלעקיל פון אבהמה (הַחִיצוֹן זוּג) דאס אויסווייניגסטע הייסט זוג (וְהַפְּנִימִי עִינְבָּל) אונ דאס אינווייניגסטע הייסט עינבל. באיי ווייְנטרויבן איז אויך אזו דיא אויסווייניגסטע [דיא שאלאכץ] הייסט זַגִּים אונ דיא אינווייניגסטע [די קערנר] הייסן חַרְצַנִּים: ג (סְתַם נְזִירוּת שְׁלֹשִׁים יוֹם) אז איינער זאגט סתם ער זאל זיין אנזיר אונ זאגט ניט ווי לאנג. איז ער אנזיר דרייסיג טאג (גִּלַּח) אויב ער הט זיך אפ געשורן (אוֹ שֶׁגִּלְּחוּהוּ לִסְטִים) אדר גזלנים האבן אים אפ געשורן (סוֹתֵר שְׁלֹשִׁים יוֹם) צו ווארפט ער אזו פיל טעג פון דיא נזירות עס זאל זיין דרייסיג טאג פון דעם טאג וואס מען האט אים אפ געשורן ביז צו דעם אפ שערן פון די גאנצע נזירות. דהיינו ער הט געמאן אנדר ער זאל זיין אנזיר פופציג טאג אונ הט אפ געצילט פינף אונ צוואנציג טאג אונ מען האט אים אפ געשורן. דארף ער ציילן ביז צום סוף נזירות דרייסיג טאג צו ווארפט ער פינף טאג. אונ אזו רעכונט מען אלע מאל (נָזִיר שֶׁגִּלַּח) אנזיר הט זיך אפ געשורן אין די טעג פון די נזירות (בֵּין בְּזוּג) סיי מיט אשערל (בֵּין בְּתַעַר) סיי מיט אנאל מעסר (אוֹ שֶׁסִּפְסֵף) אדר ער הט אויס געריסן די האר פון קאפ (כָּל שֶׁהוּא) עפעס אפילו

כל המעבירים: חופף. מחכך בידו: ומפספס. בצפרניו או בכלי ובלבד שלא יתכוין להסיר דבר שאין מתכוין מותר: אבל לא סורק. במסרק דהוי פסיק רישא ואסור ואע"ג דהמשיר אפילו שער א' לוקה מ"מ אינו סותר שלשים יום עד שיגלח רוב שערו בתער או במספרים בלד עקרו של שער: לא יחוף באדמה. מין ממיני אדמה שהיא משרת השער דהא נמי הוי פסיק רישיה והלכה כר' ישמעאל: ד נזיר שהיה שותה יין כל היום. ולא התרו בו אלא אחת: אל תשתה אל תשתה. שהתרו בו בין שתיה לשתי': ה שהטומא' והתגלחת סותרים דכתיב בטומאה (שם) והימי' הראשוני' יפלו. ותגלחת סותרת ל' דבעינן

חומר

חייב. נזיר חופף ומפספס אבל לא סורק. רבי ישמעאל אומר לא יחוף באדמה מפני שמשרת את השער: ד נזיר שהיה שותה יין כל היום. אינו חייב אלא אחת. אמרו לו אל תשתה. אל תשתה. והוא שותה חייב על כל אחת ואחת. היה מגלח כל היום. אינו חייב אלא אחת. אמרו לו אל תגלח אל תגלח והוא מגלח חייב על כל אחת ואחת. היה מטמא למתים כל היום. אינו חייב אלא אחת. אמרו לו אל תטמא. אל תטמא. והוא מטמא. חייב על כל אחת ואחת: ה שלשה מינין אסורין בנזיר. הטומאה. ותגלחת. והיוצא מן הגפן. חומר בטומאה ותגלחת מביוצא מן הגפן. שהטומאה והתגלחת סותרין. והיוצא מן הגפן אינו סותר.

---

נאר איין האר (חייב) קומט אים מלקות (נזיר חופף ומפספס) א נזיר מעג קראצן דעם קאפ מיט די הענט אדער מיט צבלי (אבל לא סורק) אבער קעמען די קאפ מיט א קאם טאר ער ניט. רבי ישמעאל זאגט (לא יחוף באדמה) ער זאל ניט רייבן דעם קאפ מיט אזא מין ערד (מפני שמשרת את השער) ווייל עס ווארפט אראפ די האר פון קאפ: ד (נזיר שהיה שותה יין כל היום) א נזיר האט געטרונקען וויין א גאנצן טאג (אינו חייב אלא אחת) איז ער ניט מער חייב נאר איין מאל מלקות (אמרו לו אל תשתה אל תשתה) אויב ביי יעדן מאל טרינקען האט מען אים געזאגט ער זאל ניט טרינקען (והוא שותה) און ער האט געטרונקען (חייב על כל אחת ואחת) איז ער חייב מלקות אויף יעדן מאל טרינקען (היה מגלח כל היום) דער נזיר האט זיך געשוירן א גאנצן טאג (אינו חייב אלא אחת) איז ער ניט מער חייב נאר איין מאל מלקות (אמרו לו אל תגלח אל תגלח) אויב ביי יעדן מאל שערן האט מען אים געזאגט ער זאל זיך ניט שערן (והוא מגלח) און ער שערט זיך (חייב על כל אחת ואחת) איז ער חייב מלקות אויף יעדן מאל שערן (היה מטמא למתים כל היום) א נזיר האט זיך מטמא געווען צו מתים א גאנצן טאג (אינו חייב אלא אחת) איז ער ניט מער חייב נאר איין מאל מלקות (אמרו לו אל תטמא אל תטמא) אויב ביי יעדן מאל מטמא זיין האט מען אים געזאגט ער זאל זיך ניט מטמא זיין (והוא מטמא) און ער איז זיך מטמא (חייב על כל אחת ואחת) איז ער חייב מלקות אויף יעדן מאל מטמא זיין: ה (שלשה מינין אסורין בנזיר) דריי זאכן זענען אסור צו א נזיר (הטומאה) ער טאר זיך ניט מטמא זיין צו א מת (והתגלחת) און ער טאר זיך ניט שערן (והיוצא מן הגפן) און וואס עס גייט ארויס פון א וויין-שטאק (חומר בטומאה ותגלחת מביוצא מן הגפן) מטמא זיין און שערן איז ארגער ווי דם וואס גייט ארויס פון א וויין שטאק (שהטומאה והתגלחת סותרין) אז ער ווערט טמא אדער ער שערט זיך צו ווארפט ער די פריערדיגע טעג און ציילט די נזירות פון דם נייע (והיוצא מן הגפן) און אז ער טרינקט אדער ער עסט וואס עס קומט ארויס פון א וויין שטאק (אינו סותר) צו ווארפט ניט

פריערדיגע

דבטיקן גדל פרע שער ראשו (שם) ואין גדול פרע פחות מל' יום : שהיוצא מן הגפן לא הותר מכללו · כגון לשתות יין מצוה דאמרי' מיין ושכר יזיר לאסור יין מצוה . כיין הרשות : טומאה ותגלחת הותרו מכללן. טומאה. למת מצוה דכתיב (במדבר ו) לאביו ולאמו לא יטמא לאביו הוא דאינו מטמא אבל מטמא למת מצוה.ותגלח' לנזיר מצורע דאתי עשה דוגלח את כל שערו (ויקרא יד) ודחי את לא תעשה דתער לא יעבור על ראשו(במדבר

חומר ביוצא מן הגפן מבטומאה ובתגלחת. שהיוצא מן הגפן לא הותר מכללו · וטומאה ותגלחת הותרו מכללן·בתגלחת מצוה ובמת מצוה· וחומר בטומא' מבתגלחת· שהטומא' סותרת את הכל · וחייבין עליה קרבן · ותגלחת אינה סותרת אלא שלשים יום· ואין חייבין עליה קרבן: ן תגלחת הטומאה כיצד· היה מזה בשלישי ובשביעי. ומגלח בשביעי. ומביא קרבנותיו בשמיני · ואם גילח בשמיני . מביא קרבנותיו בו ביום · דברי רבי עקיבא· אמר לו ר' טרפון מה בין זה למצורע · אמר לו זה טהרתו

ו) : ן ומגלח בשביעי ומביא קרבן בשמיני . כדכתיב (שם) וגלח ראשו ביום טהרתו ביום השביעי יגלחנו . וביום השמיני יביא שתי תורים וגו' . וכהן לאשם : מה בין זה למצורע . דכתיב בפרשת מצורע בתגלחת שניה (ויקרא יד) והיה ביום השביעי יגלח את כל שערו וגו' . וביום השמיני יקח וגו'. וקי"ל במצורע דאם גלח בשמיני מביא קרבן בתשיעי : אמר לו זה טהרתו תלויה בימיו . נזיר טהרתו תלויה בהזאה שלישי ושביעי ומגילה הלכך

---

פְרִיעֶרְדִיגֶע טָעג נָאר עָוי' צֵיילְט דִי נְזִירוּת וַוייטֶר (חוֹמֶר בְּיוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן מִבְּטוּמְאָה וּבְתִגְלַחַת) וָוס עָס קוּמְט אַרוֹס פוּן אַוויין שְׁטָאק אִיז אַרְגֶר וִוי מְטַמֵא זַיין אוּנ שֶׁערְן (שֶׁהַיוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן לֹא הוּתַּר מִכְּלָלוֹ) וָוס עָס קוּמְט אַרוֹס פוּן אַוויין שְׁטָאק אִיז צוּ אַנָזִיר קֵיין מָאל נִיט מוּתָּר (וְטוּמְאָה וְתִגְלַחַת הוּתְּרוּ מִכְּלָלָן) אוּנ מְטַמֵא זַיין אוּנ שֶׁערְן זֶענֶן אַמָאל מוּתָּר צוּ אַנָזִיר (בְּתִגְלַחַת מִצְוָה) ווָא עֶס אִיז אַמִצְוָה זִיךְ צוּ שֶׁערְן · דְהַיְינוּ עֶר אִיז גֶוֶוען מְצוֹרָע (וּבְמֵת מִצְוָה) אוּנ ווָא עֶס אִיז אַמִצְוָה זִיךְ מְטַמֵא זַיין דְהַיְינוּ עֶר הָט גֶפוּנֶען אַמֵת אִין פֶעלְד (וְחוֹמֶר בְּטוּמְאָה מִבְּתִגְלַחַת) מְטַמֵא זַיין אִיז אַרְגֶער וִוי שֶׁערְן (שֶׁהַטוּמְאָה סוֹתֶרֶת אֶת הַכֹּל) אַז דֶער נָזִיר וֶוערְט טָמֵא צוּ וַוארְפְט עֶר אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע טָעג (וְחַיָיבִין עָלֶיהָ קָרְבָּן) אוּנ דַארְף בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן פַר וָוס עֶר הָט זִיךְ מְטַמֵא גֶוֶוען (וְתִגְלַחַת) אוּנ אַז דֶער נָזִיר שֶׁערְט זִיךְ (אֵינָהּ סוֹתֶרֶת אֶלָּא שְׁלֹשִׁים יוֹם) צוּ וַוארְפְט עֶר נִיט מֶער נָאר עֶס זָאל זַיין פוּן דֶעם טָאג וָוס עֶר הָט זִיךְ גֶשׁוֹרֶן בִּיז צוּם סוֹף נְזִירוּת דְרַייסִיג טָאג (וְאֵין חַיָיבִין עָלֶיהָ קָרְבָּן) אוּנ עֶר דַארְף נִיט בְּרֵיינְגֶען קֵיין קָרְבָּן אוֹיף דֶעם וָוס עֶר הָט זִיךְ גֶשׁוֹרֶן: ן (תִּגְלַחַת הַטוּמְאָה כֵּיצַד) אַנָזִיר וָוס אִיז טָמֵא גֶוָוארְן וִוי זָאל עֶר זִיךְ אָפּ שֶׁערְן (הָיָה מַזֶּה בַּשְּׁלִישִׁי וּבַשְּׁבִיעִי) מֶען הָט גֶשְׁפְּרִיצְט אוֹיף אִים דִי וַואסֶר פוּן דִיא פָּרָה אֲדוּמָּה דֶעם דְרִיטֶן טָאג פוּן דֶר טוּמְאָה אוּנ דֶעם זִיבֶּעטֶן טָאג (וּמְגַלֵּחַ בַּשְּׁבִיעִי) אוּנ שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דֶעם זִיבֶּעטֶן טָאג (וּמֵבִיא קָרְבְּנוֹתָיו בַּשְּׁמִינִי) אוּנ בְּרֵיינְגְט דִי קָרְבָּנוֹת דֶעם אַכְטֶן טָאג (וְאִם גִּילַּח בַּשְּׁמִינִי) אוּנ אוּב עֶר הָט זִיךְ אָפּ גֶשׁוֹרֶן דֶעם אַכְטֶן טָאג (מֵבִיא קָרְבְּנוֹתָיו בּוֹ בַּיוֹם) בְּרֵיינְגְט עֶר דִי קָרְבָּנוֹת דֶעם זֶעלְבִּיגֶן טָאג (דִבְרֵי רַבִּי עֲקִיבָא) אַזוֹי זָאגְט רַבִּי עֲקִיבָא (אָמַר לוֹ רַבִּי טַרְפוֹן) הָט רַבִּי טַרְפוֹן גֶזָאגְט צוּ רַבִּי עֲקִיבָא (מַה בֵּין זֶה לִמְצוֹרָע) וָוס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישֶׁן דֶעם נָזִיר אוּנ צְווִישֶׁן אַמְצוֹרָע . אַז ווִי אַמְצוֹרָע בְּרֵיינְגְט אַלֶע מָאל דִי קָרְבָּנוֹת אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ דֶעם אָפּ שֶׁערְן · אַז עֶר שֶׁערְט זִיךְ דֶעם זִיבֶּעטֶן בְּרֵיינְגְט עֶר דֶעם אַכְטֶן · אוּנ אַז עֶר שֶׁערְט זִיךְ דֶעם אַכְטֶן בְּרֵיינְגְט עֶר דֶעם נֵיינְטֶן · דַארְף בַּיי אַנָזִיר אוֹיךְ אַזוֹי זַיין (אָמַר לוֹ) הָט רַבִּי עֲקִיבָא גֶזָאגְט צוּ רַבִּי טַרְפוֹן (זֶה

טהרתו תלויה בימיו. ומצורע טהרתו תלויה בתגלחתו ואינו מביא קרבן. אלא אם כן היה מעורב שמש: ז תגלחת הטהרה. כיצד. היה מביא שלשה בהמות חטאת עולה ושלמים. ושוחט את השלמים ומגלח עליהם. דברי רבי יהודה. רבי אלעזר אומר לא היה מגלח. אלא על החטאת. שהחטאת קודמת בכל מקום. ואם גילח על אחד משלשתן יצא: ח רבן שמעון בן גמליאל אומר. הביא שלש בהמות ולא פירש. הראויה לחטאת. תקרב חטאת. לעולה. תקרב עולה. לשלמים תקרב שלמים. היה נוטל

הלכך כיון שעבר בשביעי אף על פי שלא גלח עד יום השמיני מביא קרבנותיו בו ביום: **אבל מצורע טהרתו תלויה בתגלחת.** כדכתיב (שם) ביום השביעי יגלח את כל שערו והדר כתיב ורחץ את בשרו במים ואם טבל עד שלא גלח לא עלתה לו טבילה. הילכך אם גלח בח' אכתי צריך טבילה והערב שמש הילכך אינו יכול להביא קרבנותיו עד תשיעי והלכה כרבי עקיבא: **ז שחט את השלמים ומגלח עליהם.** דכתיב בנזיר (במדבר ו) וגלח את ראשו פתח אוהל מועד ומפרשינן לקרא הכי וגלח את ראשו על זבח שכתוב בו פתח אהל מועד דהיינו שלמים דכתיב בהו (ויקרא ג) ושחטו פתח אוה"מ: **שהחטאת קודמת בכל מקו'.** לעולה ושלמים. ודין הוא שיגלח על הראשון. והלכה כרבי יהודה שמגלח על השלמים: **ח ולא פירש.** אף על גב דכל הקרבנות צריך שיקראו לשם הבעלים שם

שער

טהרתו תלויה בימיו) א נזיר זיין ריין ווערן פון דר טומאה געהער צו די טעג. אז מען שפריצט אויף אים די וואסר פון די פרה אדומה דעם דריטן טאג אונ דעם זיבטן אונ איז זיך טובל. איז ער שון טהור. דאריבער אפילו ער האט זיך אפ גשורן דעם אכטן טאג מעג ער דעם זעלביגן טאג ברייננן קרבנות. וויל ער איז שון טהור פון געכטן (ומצורע טהרתו תלויה בתגלחתו) אונ אמצורע ווערט ניט ריין פון זיין טומאה ביז נאך דעם אפ שערן דר נאך איז ער זיך טובל. אונ נאך דר טבילה אז די זון גייט אונטר ווערט ער טהור. דאריבער אוב ער האט זיך גשורן אונ טובל גוועזן דעם אכטן (ואינו מביא קרבן) קען ער דאך ניט ברייננן קרבנות (אלא אם כן היה מעורב שמש) נאר אז די זון גייט אונטר פון דעם אכטן טאג. דס הייסט ביז דעם ניינטן. וויל ער ווערט ניט טהור ביז די נאכט וואס געהער צום ניינטן: ז (תגלחת הטהרה כיצד) ווי שערט זיך אפ אנזיר טהור (היה מביא שלשה בהמות) ער ברייננט דריי בהמות. חטאת עולה ושלמים (ושוחט את השלמים) אונ ער שעכט די שלמים (ומגלח עליהם) אונ ער שערט זיך אפ נאך דר שחיטה (דברי רבי יהודה) אזו זאגט רבי יהודה. רבי אליעזר זאגט (לא היה מגלח) ער הט זיך ניט גשורן נאך דר שחיטה פון שלמים (אלא על החטאת) נאר נאך דר שחיטה פון חטאת הט ער זיך אפ גשורן (שהחטאת קודמת בכל מקום) ווארום אחטאת איז איביג צו ערשט פר אלע קרבנות (ואם גילח על אחד משלשתן יצא) אונ אוב ער הט זיך אפ גשורן אויף איינם פון די דריי קרבנות. אויף וועלכן עס איז. איז ער אלץ יוצא: ח רבן שמעון בן גמליאל זאגט (הביא שלש בהמות) דר נזיר הט גבראכט דריי בהמות (ולא פירש) אונ ער הט ניט גזאגט אויף יעדע בהמה צו וועלכן קרבן זי זאל זיין. איז דר דין (הראויה לחטאת) די בהמה וואס איז ראוי צו זיין אחטאת. אשעפס אנקבה (תקרב לחטאת) זאל מען איר מקריב זיין צו אחטאת (לעולה) די בהמה וואס איז ראוי צו זיין אעולה. אשעפס אזכר (תקרב עולה) זאל מען מקריב זיין צו אעולה (לשלמים) די בהמה וואס איז ראוי צו זיין שלמים. איין איל [אווידר] (תקרב שלמים) זאל מען מקריב זיין צו שלמים (היה נוטל שער ראש נזרו) ער הט גנומען די האר פון זיין קאפ

שער ראש נזרו · ומשלח תחת הדוד ואם גילח במדינה היה משלח תחת הדוד. במה דברים אמורים. בתגלחת הטהרה · אבל בתגלחת הטומאה לא היה משלח תחת הדוד. רבי מאיר אומר הכל משלחין תחת הדוד· חוץ מן הטמא שבמדינה בלבד: **ט** היה מבשל את השלמים או שלקן הכהן נוטל את הזרוע בשלה מן האיל. וחלת מצה אחת מן הסל · ורקיק מצה אחד · ונותן על כפי הנזיר · ומניפן. ואחר כך הותר הנזיר לשתות יין · ולהטמא למתים· ר"ש אומר

שם הכא לא צריך דמכי אמר אלו לנזירותי הוי כאילו קרא שם לכל אחד ואחד דכבשה איכא ראויה אלא לחטאת וכבש לעולה ואיל לשלמים: **ומשלח תחת הדוד**. שמבשלים בו זבח שלמים: **היה מגלח במדינה**. בירושלים ואע"ג דכתי פתח אהל מועד לאו דוקא אלא ללמד שאינו מגלח עד שיהיה פתח אהל מועד פתוח: **לא היה משלח תחת הדוד**. דכתיב (במדבר ו) ולקח את שער ראש נזרו ונתן על האש מי שאינו מחוסר אלא לקיחה ונתינ' יצא זה שמחוסר לקיחה והבאה ונתינה תחת הדוד: **במה דברים אמורים** · שבמקדש נוטל ומשלח תחת הדוד · בתגלחת

טהרה: **אבל בתגלחת טומאה**. אפי' גלח במקדש אינו נוטל שער ומשלח תחת הדוד של אשם וחטאת שעוף דלא כתיב נתינת שער תחת הדוד אלא בנזיר טהור: **הכל משלחין**. טהור במקדש ובמדינ'. וטמא במקדש חוץ מטמא שגלח במדינה מפני ששערו נקבר. ופסק ההלכה שאין משלח תחת הדוד אלא נזיר טהור שגלח פתח אהל מועד שנעשה כמלותו. ואם שלח תחת הדוד של חטאת יצא לא נאמר אשר תחת זבח השלמים אלא למצוה: **ט ואחר כך הותר הנזיר לשתות יין**. דכתיב (במדבר ו) ואחר ישתה הנזיר יין אחר שמעשים כולם: **ר"ש אומר כו'**. כתיב הכא ואחר

(וּמְשַׁלֵּחַ תַּחַת הַדּוּד) אוּנ הָט גְלֵייגְט אוּנְטֶער דֶעם קֶעסֶל וְואוּ דִיא שְׁלָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶקָאכְט (וְאִם גִּילַח בִּמְדִינָה) אוּנ אוּבּ עֶר הָט זִיךְ אָפּ גְשׁוֹרְן אִין דֶער מְדִינָה [אִין יְרוּשָׁלַיִם] נִיט אִין דֶער עֲזָרָה (לֹא הָיָה מְשַׁלֵּחַ תַּחַת הַדּוּד) הָט עֶר נִיט גְלֵייגְט דִי הָאר אוּנְטֶער דֶעם קֶעסֶל (בַּמֶּה דְּבָרִים אֲמוּרִים) וֶוען זֶענֶען דִי רֵייד גְזָאגְט גֶוָוארְן אַז עֶר שֶׁערְט זִיךְ אִין דֶער עֲזָרָה לֵייגְט עֶר דִי הָאר אוּנְטֶער דֶעם קֶעסֶל (בְּתִגְלַחַת טָהֳרָה) אַז אַנָזִיר טָהוֹר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ (אֲבָל בְּתִגְלַחַת הַטּוּמְאָה) אָבֶּער אַז אַנָזִיר טָמֵא שֶׁערְט זִיךְ אָפּ (לֹא הָיָה מְשַׁלֵּחַ תַּחַת הַדּוּד) הָאט עֶר נִיט גְלֵייגְט דִיא הָאר אוּנְטֶער דֶעם קֶעסֶל. רַבִּי מֵאִיר זָאגְט (הַכֹּל) אַלֶע נְזִירִים. סַיי אַנָזִיר טָהוֹר וָוס שֶׁערְט זִיךְ אִין דֶער עֲזָרָה אוּנ סַיי עֶר שֶׁערְט זִיךְ אִין דֶער מְדִינָה. אוּנ סַיי אַנָזִיר טָמֵא וָואס שֶׁערְט זִיךְ אִין דֶער עֲזָרָה (מְשַׁלְּחִין תַּחַת הַדּוּד) לֵייגְן זֵייעֶרֶע הָאר אוּנְטֶער דֶעם קֶעסֶל (חוּץ מִן הַטָּמֵא שֶׁבַּמְּדִינָה בִּלְבַד) נָאר הַטָּמֵא וָוס הָט זִיךְ נִיט גְשׁוֹרְן אִין דֶער עֲזָרָה נָאר אִין יְרוּשָׁלַיִם דֶער לֵייגְט נִיט דִי הָאר אוּנְטֶער דֶעם קֶעסֶל. נָאר זֵיינֶע הָאר מוּז עֶר בַּגְרָאבְּן אִין דִי עֶרְד: **ט** (הָיָה מְבַשֵּׁל אֶת הַשְּׁלָמִים) עֶר הָאט גְקָאכְט דִי שְׁלָמִים (אוֹ שְׁלָקָן) אָדֶער עֶר הָט זֵיי שְׁטַארְק גְקָאכְט (הַכֹּהֵן נוֹטֵל אֶת הַזְּרוֹעַ בְּשֵׁלָה מִן הָאַיִל) נֶעמְט דֶער כֹּהֵן דִי פָאדֶערְשְׁטֶע פוּס דִי גְקָאכְטֶע פוּן דֶעם ווידֶער (וְחַלַּת מַצָּה אַחַת מִן הַסַּל) אוּנ עֶר נֶעמְט אֵיין חַלָּה וָוס זִי אִיז מַצָּה [אוּנ גְזֵייעֶרְט] פוּן קָארְבּ וְוא דִי חַלּוֹת לִיגְן (וּרְקִיק מַצָּה אֶחָד) אוּנ עֶר נֶעמְט אַקִיכוּל וָוס אִיז מַצָּה [אוּנ גְזֵייעֶרְט] פוּן קָארְבּ וְוא דִי קִיכְלאךְ לִיגְן (וְנוֹתֵן עַל כַּפֵּי הַנָּזִיר) אוּנ עֶר גִיט [דִי פָאדֶערְשְׁטֶע פוּס מִיט דִי חַלָּה אוּנ מִיט דֶעם קִיכוּל] אוֹיף דִי הֶענְט פוּן דֶעם נָזִיר (וּמְנִיפָן) אוּנ עֶר הֵייבְּט זֵיי אוֹיף (וְאַחַר כָּךְ הוּתַּר הַנָּזִיר לִשְׁתּוֹת יַיִן וּלְהִטַּמֵּא לְמֵתִים) דֶער נָאךְ וֶוערְט מוּתָּר דֶער נָזִיר צוּ טְרִינְקְן וויין אוּנ צוּ מְטַמֵּא זַיין צוּ מֵתִים. רַבִּי שִׁמְעוֹן

אומר. כיון שנזרק עליו אחד מן הדמים הותר הנזיר לשתות ביין ולהטמא למתים: י גלח על הזבח ונמצא פסול. תגלחתו פסולה. וזבחיו לא עלו לו. גלח על החטאת שלא לשמה ואח"כ הביא קרבנותיו לשמן. תגלחתו פסולה. וזבחיו לא עלו לו. גלח על העולה או על השלמים שלא לשמן ואח"כ הביא קרבנותיו לשמן תגלחתו פסולה. וזבחיו לא עלו לו. רבי שמעון אומר. אותו

אחר ישתה הנזיר יין. וכתיב התם (שם) אחר התגלחו את נזרו. מה להלן אחר מעשה יחידי אף כאן אחר מעשה יחידי הא למדת שכיון שנזרק עליו א' מן הדמים. מותר לשתות יין ולהטמא למתים וכן הלכה: י ונמצא פסול. כגון שנשפך דמו או יצא או נטמא: תגלחתו פסולה. הואיל ונפסל הזבח שגלח עליו הוה ליה כגלחוהו לסתי' דאמרי' לעיל גר"א סותר שבעה ימים ולרבנן סותר שלשים יום: וזבחיו לא עלו לו. שאר הזבחים שהקריב אחר תגלחת והפסילה לא עלו לו דכיון דצריך לסתור עד שיגדל שערו הוי כאילו הקריבן קודם זמנם: על החטאת שלא לשמה. היינו על הזבח ונמצא פסול דחטאת שלא לשמה פסולה ואיידי דבעי למתני על העולה ועל השלמים פלוגתא דר' שמעון ורבנן תנא נמי על החטאת: על העולה ועל השלמים שלא לשמן וכו' תגלחתו פסולה. דהואיל ולא עלו לשם חובת

---

זאגט (כיון שנזרק עליו אחד מן הדמים) אז עס איז געשפריינגט געווארן אויף דעם נזיר איינערליי בלוט פון די דריי קרבנות (הותר הנזיר לשתות ביין ולהטמא למתים) איז שוין דר נזיר מותר צו טרינקען ווייִן אונ צו מטמא זיין צו מתים. אונ ער דארף ניט ווארטען ביז ער וועט אויף הייבען די זרוע מיט דר חלה מיט דעם רקיק: י (גלח על הזבח) ער האט זיך אפ געשוירן אויף דעם קרבן (ונמצא פסול) אונ עס איז געפונען געווארן אז דר קרבן איז פסול (תגלחתו פסולה) איז זיין אפ שערן פסול (וזבחיו לא עלו לו) אונ די איבעריגע קרבנות וואס ער האט מקריב געווען נאך דעם אפ שערן ווערן ניט גירעכענט פר די קרבנות וואס אנזיר דארף ברייגגן. נאר ער ווארט דרייסיג טאג ביז די האר וואקסען אים אויף אונ ער שערט זיך נאך אמאל אפ אונ ברייגגט נאך אמאהל קרבנות (גלח על החטאת שלא לשמה) אז ער האט זיך אפ געשוירן אויף אחטאת וואס מען האט אים געשאכטען ניט צו דעם נאמען חטאת. נאר מען האט גמיינט אז דס איז די עולה אדר שלמים. האט מען אים געשאכטען פר אעולה אדר פר שלמים איז דר חטאת פסול (ואחר כך הביא קרבנותיו) דר נאך האט ער געבראכט די איבעריגע קרבנות אונ מען האט זייא געשאכטען (לשמן) צו זייער נאמען (תגלחתו פסולה) זיין אפ שערן איז פסול (וזבחיו לא עלו לו) אונ די איבעריגע קרבנות וואס ער האט מקריב געווען נאך דעם אפ שערן ווערן ניט גירעכענט פר די קרבנות וואס אנזיר דארף ברייגגן נאר ער ווארט דרייסיג טאג ביז די האר וואקסען אים אויף אונ ער שערט זיך נאך אמאל אפ אונ ברייגגט נאך אמאל קרבנות (גלח על העולה או על השלמים) אז ער האט זיך אפ געשוירן אויף דר עולה אדר אויף די שלמים (שלא לשמן) אונ די עולה אדר די שלמים זענען געשאכטען געווארן ניט צו זייער נאמען. ניט פר אעולה אונ ניט פר שלמים נאר אויף אנאמען פון איין אנדר קרבן (ואחר כך הביא קרבנותיו לשמן) דר נאך האט ער געבראכט די איבריגע קרבנות אונ זיי זענען געשאכטען געווארן צו זייער נאמען (תגלחתו פסולה) זיין אפ שערן איז פסול (וזבחיו לא עלו לו) אונ די איבריגע קרבנות וואס ער האט מקריב געווען נאך דעם אפ שערן ווערן ניט גירעכענט פר די קרבנות וואס אנזיר דארף ברייגגן [ווי עס שטייט פריער] רבי שמעון זאגט

אותו הזבח לא עלה לו. אבל שאר זבחים עלו לו. ואם גלח על שלשתן ונמצא אחד מהן כשר. תגלחתו כשרה. ויביא שאר הזבחים: **יא** מי שנזרק עליו אחד מן הדמים ונטמא. ר"א אומר. סותר את הכל. וחכמים אומרים. יביא שאר קרבנותיו ויטהר. אמרו לו. מעשה במרים התרמודית שנזרק עליה א׳ מן הדמים ובאו ואמרו לה על בתה שהיתה מסוכנת. והלכה ומצאה שמתה ואמרו חכמים תביא שאר קרבנותיה ותטהר:

כהן

חובת שלמי נזיר ועולת נזיר. הוי ליה כמגלח על עולת נדבה ושלמי נדבה. ור"ש סבר דאם גלח על עולת נדבה ושלמי נדבה יצא. ואין הלכה כר"ש: **ואם גלח על שלשתן**. אחר שהקריבו שלשתן: **ונמצא אחד מהן** כשר. והשאר פסולי׳: **תגלחתו כשרה**. לדברי הכל. דהא תנן ואם גלח על אחד משלשתן יצא: **יא ר"א אומר סותר את הכל**. לא כל הימים קאמר אלא סותר כל הקרבנות ור"א לטעמי׳ דאמר שלא סותר הנזיר לשתות יין אלא אחר כל המעשים כולם. אחר הבאת כל הקרבנות וכשנטמא קודם שהקריב כולם הוי כאילו נטמא שהרי קודם שהקריב שום אחד מהם והוי הקרבן שהקריב כאילו הביאו תוך מלאת: **וחכ"א יביא שאר קרבנותיו ויטהר**. פירוש לכשיטהר ואותו הזבח שהביא בטהרה לא יחזור ויביאנו. ורבנן לטעמייהו דאמרי אחר מעשה יחידי מותר לשתות יין ומותר לגלח. הלכך קודם שנטמא היה ראוי להתגלח ולא יסתור אותו זבח אבל שאר הזבחים שהקריב משנטמא ודאי סותר דקרא קפיד שיהו קרבנות נזיר כולן בטהרה: **מרים התרמודית**. מתרמוד היתה והלכה כחכמים:

כהן

---

(אותו הזבח לא עלה לו) דר קרבן וואס איז ניט געשאכטן געווארן צו זיין נאמן ווייל ער איז פסול דאריבער ווערט ער ניט גערעכנט צו די קרבנות וואס דר נזיר דארף ברייננגן (אבל שאר זבחים) אבר די איבריגע קרבנות וואס זענען כשר (עלו לו) ווערן גערעכנט צו די קרבנות וואס דר נזיר דארף ברייננגן (ואם גלח על שלשתן) אונ אוב ער האט זיך אפ געשוירן דר נאך ווי מען האט געשאכטן אלע דריי קרבנות (ונמצא אחד מהן כשר) אפילו עס איז געפונען געווארן איינער פון זייא כשר (תגלחתו כשרה) איז זיין אפ שערן כשר (ויביא שאר הזבחים) אונ ער דארף ברייננגן אנדערע קרבנות פר דיא וואס זענען פסול געווארן: **יא** (מי שנזרק עליו אחד מן הדמים) אוב מען האט געשפריינגט אויף דעם נזיר די בלוט פון איין קרבן (ונטמא) אונ דר נזיר איז טמא געווארן. רבי אליעזר זאגט (סותר את הכל) ער צו שטערט אלע קרבנות. דר נאך אז ער ווערט טהור דארף ער ברייננגן אלע קרבנות נאך אמאל (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגן (יביא שאר קרבנותיו ויטהר) דר נאך אז ער וועט ווערן טהור זאל ער ברייננגן די איבריגע קרבנות צו די וואס ער האט פריער געבראכט איידער ער איז טמא געווארן (אמרו לו) האבן די חכמים געזאגט צו רבי אליעזר (מעשה במרים התרמודית) עס האט זיך געטראפן ביי מרים פון תרמוד זי איז געווען א נזירה (שנזרק עליה אחד מן הדמים) אונ מען האט געשפריינגט אויף איר די בלוט פון איין קרבן (ובאו ואמרו לה על בתה שהיתה מסוכנת) אונ מען איז איר געקומען זאגן אויף איר טאכטער זי איז אין אסכנה (והלכה ומצאה שמתה) אונ זי איז געגאנגן אונ האט געטראפן די טאכטער איז געשטארבן. איז זי טמא געווארן (ואמרו חכמים) האבן די חכמים געזאגט (תביא שאר קרבנותיה ותטהר) אז זי וועט ווערן טהור וועט זיא ברייננגן די איבריגע קרבנות צו דיא וואס זיא האט געבראכט איידער זיא איז טמא געווארן:

